# דברי אהרן

## מרגניתא טבא ואמרי קודש מפום ממלל רברבין קודש הקדשים
## מרבינו הגדול אהרן קדוש ה׳

**שמחה** וואס מיר שמיסען אז מידארף האבין שמחה, מיינען מיר ניט שמחה של מצוה, ווארום שמחה של מצוה איז דאך אמדרגה, קען מען ניט פארלאנגען אז יעדער יוד זאל זיין אַבעל מדריגה, נאר מיר מיינען ניט קיין עצבות, פשוט איוד וואס גייט ניט ארום מיט שמחה מיט דעם וואס ער איז איוד איז ער אכפוי טובה לשמים, סיאיז אסימן אז ער האט קיין מאל ניט דער הערט דיא ברכה „שלא עשני גוי״, און דאס וואס ער טאפט זיך צו בין איך אחסיד צו ניט, איז דאס גאות. וואס עפיס אחסיד, איוד.

**מקוה** איז דאך ניט קיין מצוה, סידאך בטלוהו לטבילותה, אבער וואס מקוה ברענגט צו גוטין, קען דאס די גרעסטע מצוה ניט ברייגגען.

**עצבות** איז דאך ניט קיין עבירה, אבער דעם טמטום הלב וואס עצבות פארשטעלט, קען ניט פארשטעלין דיא גראבסטע עבירה, עצבות איז שאול תחתית ר״ל, וואס איז דער עצם ענין פון עצבות, עצבות איז דער טייטש עס קומט מיר, עס פעלט מיר, הן בגשמיות הן ברוחניות, איז דאך אלץ זיך, וואס עפיס מיר פעלט, אביא אין דעם הימעל זאל ניט פעלין. אברהם אבינו זאל זיך ווען מיט מיר בייטין וועל איך ניט וועלין, וואס איז אברהם אבינו אצדיק מיט מדרגות, און איך בין אפראס־טער מענטש, און אז איך וועל מיר בייטין מיט אברהם אבינו, ער וועט זיין אפראס־טער מענטש, און איך וועל ווערין אבעל מדריגה, אבער אין הימעל וועט גאר ניט צו קומען גאהר מיר, וואס איך וועל ווערין אבעל מדריגה, איז דאס וויטער מיר און זיך, און וואס מיר וויל זיך, ניט דאס דארפין מיר — און מען דארף ניט וועלין.

**מרירות** איז טייטש שבירות הלב, אז איך האב נאך גאר ניט אנגיי־הובין צוטאן, ווארום איך ערליכע האר קען מען ניט האבין אן מס״נ, האב איך דען גיהאט מס״נ ? איז דאס טייטש אז איך האב נאך גאר ניט אנגיהובין, איז דאס דער היפך פון עצבות, אז איך האב גאר ניט אנגיהובין, איז דאך ניט שייך אז סיזאל קומען מיר, אדער סיזאל פעלין, פון דעסט־וועגין שעפ איך דעם אויר, און איך האב מיין הצטרכות, איז דאך אשמחה אז מיר קומט גאר ניט, ע״כ איז מרירות טאקי גוט, נאר פון עצבות ביז מרירות איז כחוט השערה, און דיא גאנצע תורה אִיז כחוט


הודפס מאוצר החכמה

השערה, והראיה „נשחט רובו כשירה מחצה טריפה" (חולין כ״ז ע״א) וויפיל איז פון מחצה ביז ארוב, אמשהו.

**יעלו** שמים ירדו תהומות (תהלים ק״ז), יונגע לייט מיינען זייא האבין צובראכנקייט, סיקאן גאר זיין ירדו וכו׳, סיאיז גאר עצבות, הגם יונגע לייט דארפין גיוואר ווערין אין עבודה דעם חילוק, נאר איך וועל איך זאגין, אז סיאיז גיוועזין אחשבון פון עצבות, איז דער סימן אז נאך דעם לייגט מען זיך שלאפין, מיקען זיך נים לידין, און דעם אנדערין קען מען גיוויס ניט לידין, מיאיז בייז, מיאיז באיי זיך שארף, דאס איז אסימן אז סיאיז גיוועזין אחשבון של עצבות, אבער נאך מרירות לאזט ניט שלאפין, ווארום וואס איז מרירות אז איך האב גאר ניט אנגי־הובין צו טאהן, חאפט מען לערנען דאווי־נען מען שפירט אידין און מיאיז נהנה אז מיזעהט אידין, און מיאיז ניט שארף מיאיז באיי זיך אנישט, נאר פון דעסוועגין די אידילסטע מרירות האט פארט אנגיעה מיט עצבות, און דיא גימיינסטע שמחה וואקסט פון קדושה.

## וזה תרגומו ללשון הקודש

**עצבות**: הרי אינה עבירה, אבל טמטום הלב, שהעצבות גורמת, אין העבירה היותר גדולה יכולה לגרום, כשאומרים שצריך להיות בשמחה, אין הכוונה על שמחה של מצוה, כי שמחה זו היא מדרגה גבוהה ולאו כל אדם בעל מדרגה הוא, הכונה היא שלא להיות בעצבות: פשוט יהודי שאינו בשמחה ממה שהוא יהודי — הוא כפוי טובה לשמים, סימן שמעולם לא הגיעה ברכת „שלא עשני גוי" לאזניו, כי מה היא עצבות? עצבות פירושה: חייבים לי וחסר לי הן בגשמיות הן ברוחניות, נמצא שאת טובת עצמו הוא דורש, יש הבדל בין מרירות ובין עצבות, מרירות פירושה שבירת הלב — על שלא התחיל עוד לעבוד את ה׳, כי אי אפשר לעבוד את ה׳ לשמה בלי מסירות נפש, כלום היתה לי מסירת נפש? אם לא, הרי שלא התחיל עדיין כלום, זהו ההיפוך מן העצבות, כי אם לא התחלתי עדיין לא מגיע לי גם כלום, ואין שום דבר חסר לי, אם כן העצבות מנין? רק כחוט השערה בין עצבות למרירות, אבל יש סימן מובהק לשתיהן: אם החשבון הוא מתוך עצבות הולכים אח״כ לישון, איננו יכולים לסבול את עצמינו ועל אחת כמה את חברנו, שרויים בכעס ומלאים יוהרא, אבל לאחר חשבון של מרירות, אי אפשר לישון, כי מהי המרירות? שלא התחלתי לעשות כלום, מיד חוטפים ספר לומדים ומתפללים, מרגישים, יהודי אני, ונהנים כשרואים יהודי אחר, בכל זאת המרירות הכי מעולה, יש לה נגיעה בעצבות, והשמחה הכי גרועה, צומחת מתוך קדושה.

**אלמלא** חפץ א״א לעשות אתי חליפין, לא הייתי חפץ בזה, כי מיהו א״א? צדיק בעל מדריגות, ומי אני? הדיוט, כשאעשה חליפין עם א״א יהי׳ הוא הדיוט ואני בעל מדריגה אבל לשמים לא יתוסף מזה כלום, רק לי. נמצא שרק טובת אני דורש ובזה לא מן הראוי לחפוץ.